בס"ד

# תורת אביגדור

פרשת משפטים

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## די ערשטע שטאפל צו קרבת אלוקים

**דאס** מערסטע איבערנאטורליכע סצענע וואס כלל ישראל האט אמאל בייגעוואוינט איז געווען - "מתן תורה". מיר זענען געשטאנען קעגן דעם "הר סיני" און געזען וואס קיינער האט פריער נישט געזען, אזוויי דער פסוק זאגט, **"הנהיה כדבר הגדול הזה, או הנשמע כמוהו, השמע עם קול אלוקים מדבר מתוך האש כאשר שמעת אתה ויחי"**, ד.מ. איז אמאל געווען אזא זאך ווי די גרויסע געשעעניש אדער איז אמאל געהערט געווארן עפעס ענדליך צו דעם?! האבן מענטשן אמאל געהערט דאס קול פון כביכול רעדן פון צווישן די געדעכטע פייער, אזוי ווי איר האט געהערט און דאס איבערגעלעבט?! (דברים ד' ל"ב) אפילו אברהם אבינו דער צדיק, דער מענטש וואס האט אנטדעקט דעם אויבערשטן קעגן די אלע וואס האבן געלייקנט, האט נישט זוכה געווען צו אזא אויסער־ארדנטליכע אנטפלעקונג פון דעם אויבערשטן אליין, עס איז געווען אזא אויסערגעווענליכע איבערלעבעניש און אויסטערלישע געפיל, אז זייער נשמה איז ארויסגעפלויגן פון זיי, **נפשי יצאה בדברו** (שיר השירים ה' ו') די גמרא (שבת פ"ח ב') ברענגט אז זיי זענען אלע געפאלן טויט. זיי האבן גע'חלש'ט פון שרעק אז מען האט זיי געדארפט דערמונטערן.

ווען די אידן האבן געהערט דעם מעכטיגן קול מיט די ווערטער **אנכי השם אלוקיך** איז דאס געווען אן איבערלעבעניש פון די גרעסטע ליבשאפט און געגועים צו הקב"ה וואס כלל ישראל האט אמאל בייגעוואוינט. לעולם ועד וועט די גרויסע טאג זיין איינגעקריצט אין די טיפע קעמערלעך פון אונזער זכרון, כלל ישראל וועט אייביג בענקען צו יענע געגועים. מיר זאגן צום אויבערשטען **ישקני מנשיקות פיהו** (שיר השירים א' ב') די טיפסטע רצון פון כלל ישראל איז דאס איבערצולעבן א צווייטע מאל, **והוא ישמיענו שנית** לאז אונז נאכאמאל הערן דיין קול, מיר חליש'ן נאכאמאל צו מיטהאלטן יענעם גרויסן מאמענט ווען מיר האבן געהערט דעם דינערדיגן קול פון השם יתברך, 'איך בין דער באשעפער ענקער גאט'.

### מיר זענען געווען גרייט פאר אלעס און אלעמען

**ס'איז** קלאר אז ווען דער גרויסער מעמד האט זיך געענדיגט, זענען אידישע קינדער געווען אויף די גרעסטע שטאפל פון התלהבות, עס איז געווען קענטליך אז עס ישראל האט געשפירט טיפע געפילן פון איבערגעגעבנקייט צום אויבערשטן. זייערע מוחות זענען געווען אנגעשפיצט און גרייט פאר די גרעסטע שאיפות. דאן האבן זיי ערווארטעט צו הערן אנווייזונגען ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן, און ווי אזוי אנצוקומען צו שלימות אין עבודת השם. הקב"ה דער האר פון די גאנצע וועלט, איז אראפגעקומען אויפן בארג סיני, זיך צו טרעפן מיט זיינע אויסגעוועלטע קינדער, זיי צו צוגרייטן פאר זייער היסטארישן עתיד, אלס דער איין איינציגע פאלק וואס וועט אים דינען אויף אייביג. כלל ישראל איז געווען אויף אזא שטאפל

פון התלהבות אז זיי זענען געווען גרייט דאס אלעס אנצונעמען. **נעשה ונשמע** - מיר ווילן אלעס טון! לאז אונז נאר וויסן וואס דו ערווארטעסט פון אונז, און מיר וועלן לויפן דיר דינען לעולם ועד.

וואס איז דאן געשען? וואס האט נאכגעפאלגט נאך **מתן תורה**? אן אויסטערלישע זאך! - **ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם** און דאס איז די דינים וואס משה רבינו זאל שטעלן פאר זיי (שמות כ"א א'). הלכות ווי אזוי צו האנדלען בין אדם לחבירו, אלע סארטן שאדנס, און אלע געלט אנגעלעגנהייטן וואס קומען פאר צווישן מענטשן. מיר זעצן זיך אראפ לערנען פרשת משפטים מיט רש"י הק' און מ'לייענט א ספר פון געזעצן! טרוקענע פרטים ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן'ס נכסים; זיינע קווען, שעפעלעך, זיינע העמדער און זיינע קרקעות. אלע סארט באצאלונגען פאר קערפעליכע שאדנס. און אלע סארט הלכות פון דיני ממונות און נזיקין וואס ס'שטייט דארט אין פרשה.

## איז דאס אלעס?!

**איז** דאס געווען וואס מיר האבן ערווארטעט צו הערן? ווי אזוי קומט דא אריין משפטים? דאס איז נישט געווען די הויכע שאיפות וואס מיר האבן שוין אזוי אויסגעוואוארט! איז דאס געווען די כוונה פון קבלת התורה? מיר האבן נארוואס געהערט דאס קול פון הקב"ה די קולות וברקים, און ברענעדיגע בארג סיני, מיר האבן געזען די אנוועזנהייט פון אויבערשטן מיט די אייגענע אויגן! אלעס? נאר צו הערן די פשוט'ע געזעצן פון געלט?

נאר וואס דען? די הכנה צו די קשר מיט הקב"ה, איז די פשוט'ע הלכות ווי אזוי זיך אומצוגיין צווישן איין מענטש און אנדערן. און דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס זיי האבן געהערט נאך דעם גרויסן מעמד פון מתן תורה, ווען זייער הארץ איז געווען אפן פאר אלעס און אלעמען גרייט צו הערן דאס מערסטע קאמפליצירטע מושגים. ווייל דאס איז דער ערשטער טרעפל אויפן לייטער ארויפצוגיין צו עבודת השם, אזוי ווי מיר וועלן ערקלערן.

לאמיר נעמען אביישפיל פון א בעל תשובה וואס קומט אריין אין היכל פון א ישיבה דאס ערשטע מאל, גרייט צו הערן הויכע ענינים וואס וועט טוישן זיין וועג פון לעבן, די סיבה פארוואס ער איז געקומען איז ווייל ער האט שאיפות צו שטייגן, און וואס באקומט ער? די ערשטע ספר וואס זיי געבן אים איז א גמרא בבא קמא! ער האט דאך געוואלט א ספר פון דערגרייכונגען, און אנשטאט דעם שטעלט מען אים פאר שטרות און נזיקין, ער זוכט א דרך אין עבודת השם, און מען לערנט אים הלכות פון א מעשה מיט איינעם'ס אקס וואס איז אריבער צום שכן'ס פעלד און געגעסן אפאר ווייצלעך. ער לערנט ווייטער אין גמרא וואס מען דארף טון אויב מען לאזט א פאס ווייַן אין רשות הרבים אין איינעם'ס קעמל פאלט אויף דעם א.א.וו. צומאל קען מען זיך דארט אויך אנטרעפן מיט אן אגדתא צו אויפפרישן די נשמה וואס א בעל תשובה קען הנאה האבן פון דעם, אבער ער קען טראכטן אז אלע איבעריגע זאכן איז מינדערוויכטיג.

מען זעט אבער אין די גמרא אז די אגדתא איז נאר א זיבעטל פונעם גאנצן ש"ס. די אנדערע זעקס חלקים פארנעמט פראקטישע שאלות און טעכנישע ענינים. און דאס פארנעמט א גרעסערן חלק פון די גמרא. לכאורה איז דאך אומפארשטענדליך, וויפיל צייט און פלאץ איז אוועקגעגעבן געווארן פאר פרטים און פרטי פרטים - פרטים פון מינדערוויכטיגע שאדנס. בבא קמא, בבא מציאה, בבא בתרא; דריי גרויסע מסכת'ס וואס אידן געבן אוועק זייער לעבן צו זיי צו חזר'ן. יארן גייען פארביי, זיי וואלטן געקענט לערנען ספרי מוסר, מסילת ישרים אדער חובת הלבבות אין די צייט. עס זעט אויס כאילו מיר פארפאסן אזויפיל געוואלדיגע לימודים צוליב דער צייט וואס מען געבט אוועק פאר די דריי בבות.

איך דערמאן זיך יעצט אן אינצידענט פון יארן צוריק, ווען איך האב באגעגנט א גאסן קערער אינמיטן ארבעטן, פירנדיג זיין וואגן מיט בערשטלעך און געצייג. ווען ער האט מיר באמערקט האט ער אפגעשטעלט זיין ארבעט און צוגעקומען רעדן צו מיר. ער האט געהאט א וויכטיגע ידיעה מיר איבערצוגעבן: "מיין

אייניקל איז נארוואס אריין לערנען אין א ישיבה", האט ער אויסגערופן מיט עקסטאז. "אבער איין זאך פארשטיי איך נישט, פארוואס מיין אייניקל ווערט דארט טרעינירט ווי אזוי צו זיין אן אדוואקאט?"

דער גאסן קערער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס א יונג קינד'ס מח ווערט פארנומען מיט א שור און א בור, א מבעה און הבער, אלע אבות נזיקים און תולדות אלע פרטים פון שאדנס.

און נישט נאר איין ישיבה האט דעם סיסטעם נאר דאס איז דער סיסטעם פון גאנץ כלל ישראל. און מיר טוען אזוי ווייל דאס איז דער סיסטעם וואס הקדוש ברוך הוא האט אראפגעלייגט דעם יסוד ביי מתן תורה. משפטים זענען געווען די ערשטע הלכות וואס ער האט באקאנט געמאכט פאר עם ישראל.

## דאס ערשטע טרעפל אויפן לייטער

**עס** איז קלאר אז מתן תורה האט געעפנט פאר כלל ישראל א וועלט פון שלימות; א נייע האריזאנט פון ברייטע שאיפות. די תורה איז א לייטער וואס **ראשו מגיע השמימה** מען קען דערגרייכן גאר הויכע מדרגות, א ריינע מח, אויסגעארבעטע מידות, און קרבת אלוקים, דאס איז אלעס וואס די תורה לערנט אונז און באפעלט אונז. אבער מיר לערנען דא איז אז פרשת משפטים איז די וועג ווי אזוי אנצוקומען צו דעם. די ערשטע טרעפל אויפן לייטער אנצוקומען צו די הויכע דרגות, איז דורכ'ן לערנען הלכות נזיקין, און דאס וועט פירן אונזערע לעבנ'ס צו קרבת אלוקים, משפטים איז דער פונדאמענט צו שלימות.

די שאלה וואס מיר פרעגן איז, פארוואס טאקע איז דאס אזוי, אז כדאי אנצוהייבן א לעבן פון דינען דעם אויבערשטען דארף מען קודם זיין פארזיכטיג מיט מילי דנזיקין?

## אנערקענען ווער איז דער אמת'ער בעל הבית

**מיר** וועלן דא מסביר זיין די שאלה: די אריינפיר צו א לעבן פון יראת שמים איז צו אנערקענען אז די וועלט איז נישט הפקר, מען דארף וויסן אז אפילו **נאָר** צו גיין ד' אמות אין די וועלט, דארף מען אויך האבן רשות, **להשם הארץ ומלואה**, די וועלט און אלעס אין איר באלאנגט צום אויבערשטן. **והארץ נתן לבני אדם** און ער האט אונז געגעבן רשות זיך צו באנוצן מיט די וועלט, אבער מיר דארפן געדענקען אז אלעס איז זיינס. מ'דארף וויסן אז ער האט אונז געגעבן רשות זיך צו באנוצן מיט איר נאר אונטער געוויסע באדינונגען, וואס רוב פון דעם איז אריינגערעכנט די מילי דנזיקין, מיט משפטים ודינים.

וואו איר גייט, מיט וואס איר באנוצט זיך דארפט איר אייביג זיין פארזיכטיג צו אויספאלגן זיינע פארשריפטן. פרשת משפטים לערנט אונז, אז ווען א מענטש באנוצט זיך מיט עפעס וואס איז נישט זיין אייגנטום האט ער פאקטיש גענומען די אייגנטום פון הקב"ה. ווען מען איז נישט פארזיכטיג מיט אנדערע מענטשן אדער זייער פארמעגן, מאכט מען זיך באקוועם אין אויבערשטען'ס וועלט אן זיין רשות. דערפאר דארף מען אכטונג געבן מיט יעדע ד' אמות וואס מען נעמט אין דער וועלט, אז ס'זאל נישט זיין אויף אנדערע מענטשן'ס חשבון.

## הקדש געלט

**וואס** מיר זאגן דא איז, אז פריוואטע אייגענטום, איז מקודש צו די תורה, ווייל אלעס באלאנגט צום אויבערשטן. אפילו ווען איר האט רשות צו נוצן יענעמ'ס זאכן, און איר נוצט עס אויף א וועג וואס דער בעל הבית געבט נישט קיין רשות, דאן האט איר געזינדיגט קעגן דער אמת'ער בעל הבית. אויב איר זענט א שומר אויף א געוויסע אייגענטום, זענט איר א שומר פאר'ן אויבערשטן.

דערפאר דארף מען זייער פארזיכטיג זיין ווי אזוי מען באגייט זיך צווישן איין מענטש און צווייטן, אייער שכן, אייער חבר. פרשת משפטים איז פול מיט ביישפילן און ווארענונגען, ווי שטארק פארזיכטיג א איד דארף זיין נישט צו מאכן שאדן פאר אן אנדערן.

## ווי אזוי צו ווערן אן אמת'ער חסיד

**די** גמרא אין בבא קמא ברענגט **מאן דבעי למהוי חסידא ליקיים מילי דנזיקין.** אויב ווילט איר זיין א חסיד, א הייליגער איד, זאל מען אויספאלגן אלע הלכות פון נזיקין, זיין אפגעהיטן מיט יענעמ'ס פארמעגן.

ווען איינער זאל אייך בעטן אויסצושטעלן א סדר ווי אזוי צו ווערן א הייליגער איד? וואס וואלט איר אים געענטפערט, מיט אונזערע קורצזיכטיגע מוחות וואלטן מיר געמיינט אז צו זיין אן עובד דארף מען פראווען תעניתים... זיך מסגף זיין... אבער אין די גמרא שטייט גארנישט וועגן דעם. עס איז גוט אז מען האט אונז נישט געגעבן א געלעגנהייט צו אריינלייגן שטיקלעך אין די חומש אדער גמרא, ווייל אויב יא וואלט ווארשיינליך "מילי דנזיקין" געווען די לעצטע פרק פון די רשימה ווי אזוי צו ווערן א עובד השם...

א יונגער בחור'ל האט אמאל געוואלט אריינקומען אין שול צו לערנען די הייליגע תורה, אבער צו זיין אנטוישונג איז די טיר געווען צוגעשפארט, דער בחור'ל פול מיט התלהבות און חשק פאר לימוד התורה, האט נישט געוואלט שטיין ביים פארמאכטן טיר, האט אנגעהויבן אריינצוקריכן דורכ'ן פענסטער, פונקט בין איך אנגעקומען ווען די פענסטער האט זיך צובראכן, ער האט ח"ו נישט געמיינט צו צוברעכן דעם פענסטער, נאר בשעת'ן עס עפענען פון אינדרויסן, האט עס זיך צובראכן. א פענסטער קאסט געלט... אבער איך האב אים גארנישט געזאגט.

עטליכע חדשים שפעטער האב איך אים געטראפן אין גאס שבת, באצירט מיט'ן פולע חסידישע טראגע. זייער שיין! אבער נישט דאס איז וואס ס'מאכט א מענטש א חסיד, דער בחור'ל איז נישט געקומען פון א חסידי'שע שטוב, איך ווייס נישט אויב זיינע עלטערן זענען געווען שומרי שבת, אבער ער האט געהאט שאיפות צו שטייגן אין עבודת השם, אבער האט נישט געוואוסט ווי אזוי. זיכער האט ער געהאט ריינע כוונות און געזוכט צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, אבער ער דארף לערנען וואס די גמרא זאגט ווי אזוי צו ווערן א חסיד, **מאן דבעי למהוי חסידא ליקיים מילי דנזיקין.** א מענטש זאל זיין באהאוונט אין אלע פרטים פון מילי נזיקין און קיינמאל נישט שעדיגן יענעמ'ס פארמעגן, און אויב יא דארף מען באצאלן.

## ווער איז באמת א צדיק?

**נעמט** א ביישפיל פון א איד וואס געבט אוועק פון זיין טייערע צייט, צוזאמצושטעלן פעקלעך פון וויכטיגע געברויכן צו אויסטיילן פאר נויטבאדערפטיגע משפחות, ערב פסח פילט ער אן זיין קאר מיט באקסעס אויף באקסעס פון מצות, וויין, און אנדערע וויכטיגע געברויכן, זייער חשוב! דער איד איז אין א שטארקע יאגעניש, ער מוז שנעל ענדיגן זיין חסד ארבעט און צוריק גיין צו זיין אייגענער סדר היום, ער זעצט זיך אריין אין זיין קאר, און הייבט אן מיט א גיכקייט צו פארן ווי געשווינד מעגליך צו דערגרייכן די ערטער, ער פארט אזוי שנעל אז ער איז עובר אויף דעם חוק פון פארן אין א זיכערע וועג און ער שטעלט אין סכנה פוסגייער, פון פארן אזוי שנעל ווי ער פארט... עס קומט פאר א מענטש א גרעסערן שטראף פארן אריינלייגן מענטשן אין א סכנה ווי פארן נישט זיין א גומל חסדים טובים. די ערשטע זאך וואס דער אויבערשטער ערווארט פון אייך איז נישט צו עובר זיין אויף די איסור פון נזיקין, און וואס עס קומט נאכדעם איז הכל ריווח.

נאך א ביישפיל: א טאטע איז מחנך זיינע קינדער לכבוד חנוכה צו צינדן לעכט, יעדעס קינד אפילו די גאר קליינע מוז האבן די אייגענע מנורה צו מאכן די ברכה, זייער חשוב! אבער אז דער טאטע גייט ארויס פון צימער איז ער **נישט** קיין חסיד ער האט אריינגעלייגט זיינע קינדער אין א סכנה, ער איז געווען פארנומען צו דינען דעם אויבערשטן מיט הויכע עבודות, ער איז גלייך ארויף צום שפיץ לייטער און פארגעסן פון די ערשטע טרעפל... **נזיקין בין אדם לחבירו** איז די יסוד פון עבודת השם.

## ווי אזוי צו לעבן, ווי אזוי צו שטארבן

**די** גרויסע לייט פון כלל ישראל האבן שטענדיג געלעבט מיט הלכות נזיקין פאר די אויגן, אפילו ווען זיי זענען געשטאנען אויפן הויכן לייטער פון עבודת השם, האבן זיי נישט נאכגעלאזט דעם ערשטן טרעפל פון לייטער.

ווען רבי זלמן'לע וואלאזשענער זצ"ל, דער ברודער פון רבי חיים וואלאזשענער זצ"ל איז געלעגן אויפן קראנקן בעט, זענען אידן געקומען אים באזוכן אריין און ארויס, באמערקנדיג אז זיינע ליפן הערן נישט אויף צו שעפשען דברי תורה, טראץ זיין שווערן געזונט צושטאנד, די אידן האבן זיך געבעטן ביי אים ער זאל זיך אביסל אפרוען. "איך קען נישט אויפהערן" האט ער זיי געזאגט, די גמרא זאגט **זאת התורה אדם כי ימות באהל, אפילו בשעת מיתה תהא עוסק בתורה** (שבת פ"ג ב') און רבי זלמן האט ממשיך געווען צו לערנען.

"איך וויל ארויסגיין פון בעט" האט ער גערופן זיינע תלמידים. "די גמרא זאגט אז א מענטש זאל פארברענגען א דריטל פון זיין צייט זיצנדיג, א דריטל שטייענדיג, און א דריטל גייענדיג, (כתובות קי"א א') דערפאר וויל איך יעצט ארומגיין אביסל צו ערפילן די רייד פון די גמרא". די תלמידים האבן גענומען דעם שטעקן וואס האט זיך געפונען אין צימער און דערלאנגט פאר רבי זלמן ער זאל קענען אראפגיין פון בעט, אבער רבי זלמן האט עס נישט געוואלט צורירן, ווייל דאס האט נישט באלאנגט צו אים, "**השואל שלא מדעת גזלן הוא**" איינער וואס בארגט פון זיין חבר א חפץ אן רשות איז א גזלן. (בבא מציאה מ"א א'). נאר דאן ווען די תלמידים האבן נאכגעזוכט דער בעל הבית פונעם שטעקן און באקומען רשות פון אים עס צו נוצן, האט ר' זלמן מסכים געווען אראפצוגיין פון בעט אנגעלאנט אויפן שטעקן, טראץ די הויכע מדריגות פון רבי זלמן האט ער נאך אלץ געדענקט די ערשטע יסודות פון עבודת השם. די פרשה פון משפטים.

## אנטשולדיגט מיר...

**נעמט** א ביישפיל פון א איד וואס טראגט אראפ זיינע פסח'דיגע כלים מוצאי יו"ט אין בעיסמענט, ער לייגט אראפ די פושקעס פון כלים אויף די טרעפ ביז ער ענדיגט מסדר זיין די פישקעס. נו, א טרעפן צימער {האלוועי} איז א רשות הרבים וואו מענשטן גייען ארויף אראפ, חפצים אויף די טרעפ איז ווי א בור ברשות הרבים! איר לייגט אריין דאס לעבן פון אנדערע מענשטן אין א סכנה, אויב איינער פארהאנקערט זיך אויף די פושקעס קען ער זיך איבערקערן די טרעפ ח"ו. דער מענטש וואס האט איבערגעלאזט די פושקעס אויף די טרעפ, האט פאר עטליכע סקונדעס פארגעסן פונעם אויבערשטן. "ביטע אנטשולדיגט מיר" וועט נישט פארענטפערן די עבירה.

אפילו דער איד האט נישט געהאט קיין בייזע כוונות, איז דאס נישט קיין תירוץ. השם יתברך לאזט כמעט נישט איבער פלאץ פאר קיין טעותים, **שלם ישלם** (משפטים כ"ה ה') "באצאלן, איר מוזט באצאלן!" די דאפעלטע לשון קומט אונז לערנען אז דער אויבערשטער מיינט עס גאר ערנסט.

## די אפטייטש פון "נעשה ונשמע"

**פאר** די געטרייע פאלק פונעם אויבערשטן איז נישט גענוג נאר צו וויסן און אננעמען דעם אויבערשטענס אנוועזנהייט אלס א פאקט, און דערנאך צוריקגיין צום טאג טעגליכן סדר היום. די פארכטיגע ווערטער וואס עם ישראל האט געהערט אויפ'ן הר סיני: "אנוכי השם אלוקיך", איז געווען א כלל גדול אויף יענער גרויסער טאג פון מתן תורה. און צו אנערקענען אז דער אויבערשטער איז דער איין איינציגער באשעפער קען מען נאר דורך היטן פרשת משפטים, צו וויסן אז די וועלט איז נישט הפקר, עס איז דא אן אמת'ער בעל הבית אויף דער וועלט.

ווען די אידן האבן אויסגערופן **נעשה ונשמע** מיר זענען גרייט צו טון אלעס וואס די וועסט פארלאנגען פון אונז, האט דער אויבערשטער געזאגט: לאמיר אייך זאגן וואס איך פארלאנג פון אייך. **ואלה המשפטים**. דאס וויל איך איר זאלט אנהייבן צו טון, דאס איז דער אנהייב פון עבודת השם, ווייל דאס מיינט אז איר זענט שטענדיג באוואוסטזיניג אז **להשם הארץ ומלואה**.

**א לעכטיגן שבת**

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",***



# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הונדערטער מענטשן

מיט אביסל געלט

## רופט אריין צו אויסקלויבן אייער וואך

845-213-7571

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן


## נדבת השבוע
## פ' משפטים

### ע"י מו"ה יוסף סאאל הי"ו

לרגל הכנסת בנו לבריתו של אברהם אבינו ע"ה

יהי"ר שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים
זכות הרבים יעמוד לו להתברך בכל מילי דמיטב

# שאלות און תשובות

מיט

ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## שאלה:

וויפיל דגוש דארף מען לייגן אויף יחוס ווען עס קומט צו שידוכים?

## תשובה:

עס ווענדט זיך ביז ווי דער יחוס ציט זיך, אויב ביז דוד המלך, האב איך נישט וואס אריינצורעדן... אבער אויב דער יחוס איז פון גוטע עלטערן, דער טאטע איז א תלמוד חכם, אן אנשטענדיגער איד, און די מאמע איז א צניעות׳דיגע איידעלע פרוי דאן איז דאס די בעסטע יחוס.

יעצט, אויב איר האט אויפן טיש צוויי שידוכים,ביידע די זעלבע מדריגה, אבער איינער ציט זיין יחוס ביז דוד המלך, דאן קענט איר אויסוועלן דעם מיוחס׳דיגן שידוך, אבער נאר אויב ביידע זענען אויף די זעלבע דרגה, אבער די בעסטע יחוס איז אלעמאל די חינוך ווי אזוי דאס קינד איז אויפגעוואקסן. איר זאלט גוט נאכקוקן זיינע\אירע מדות, באנעמונג צווישן מענטשן, יראת שמים, שמירת עינים ביי די בחורים, און צניעות ביי די מיידלעך דאס איז די יחוס וואס איר זאלט זוכן.

## שאלה:

אויב א איד האט מיר געשעדיגט דארף איך אים נאכאלץ ליב האבן?

## תשובה:

א איד מוז שטענדיג ליב האבן אן אנדערע איד אפילו ער איז געשעדיגט אדער בא׳עוול׳ט געווארן דורך אים. ווייל אונזער מעסטער ווערמען צו ליב האבן און ווערמען צו פיינט האבן ווערט נישט געמאסטן לויט אונזערע געפילן אדער אינסטינקטן, נאר דורך די רייד פון הקדוש ברוך הוא.

איר האט א רעכט צו רופן יענעם צו דין תורה און צומאל גיט אונז די תורה די רעכט אליינס צו נעמען די לייצעס אין די הענט, ״**עביד דינא לנפשיה**״. איר האט אויך א רעכט אים צו זאגן אז ער האט געטון עפעס נישט ריכטיג, אבער אין קיין פאל קענט איר אים נישט פיינט האבן ווייל די תורה זאגט: ״**לא תשנא את אחיך בלבבך**״, איר זאלט נישט פיינט האבן א איד אין אייער הארץ. דער רמב״ם איז מסביר אז מען זאל אפילו נישט האבן א שווער הארץ אויף יענעם. מען זאל זיך דורכקומען און געגאנגען ווייטער.

דער פאקט אז איינער האט אייך עפעס שלעכטס געטון מאכט אים נאכנישט פסול, און איר זענט נאך אלס מחויב אים ליב צו האבן. נאר אויב יענער איז נישט קיין שומר תורה ומצוות דעמאלט איז די מצוה פון אים ליב האבן, מער נישט שייך צו אים. אבער אויב איר האט צוטון מיט א איד וואס איז א מדקדק במצות זענט איר מחויב אים ליב צו האבן, נישט קיין חילוק וואס פארא סיכסוך איר האט געהאט מיט אים. מיר רעדן דא נישט פון א גרינגע מצוה אבער ס׳איז א חוק התורה און דאס זענען מיר מחויב צו איינהאלטן על פי דיני התורה.



מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס ״גליונות לש״ק״